# קיצורים

שמואל ווערסעס

## ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור אין ביאַליקס וועלט־באַנעם

צוויי און צוואַנציק לידער האָט ביאַליק געשאַפֿן אויף ייִדיש, און זיי האָבן תּמיד אַ בכּבֿודיקן אָרט אין זײַן לידער־בוך. דער גרויסער פּאָעט האָט געהאַלטן, אַז זײַן מאַמע־לשון האָט זיך איר מאָס און חשיבֿות לעבן דעם גוואַלדיקן אוצר פֿון זײַנע העברעיִשע־לשון־קודשדיקע ווערק. די ייִדישע לידער פֿלעגט ער פֿאַרעפֿנטלעכן אין זשורנאַל **דער יוד**, און לויט זײַן מיינונג איז מענדעלע מוכר־ספֿרים געווען דער אמתער צוזאַמענשאַפֿער פֿוןביידע לשונות, אָבער ער האָט געוואָלט איבערצײַגן די יידישע פּאָעטן צו שרײַבן אויך העברעיִש. ניט איין מאָל פֿלעגט ביאַליק איבערחזרן אין זײַנע רעפֿעראַטן, אַז צווישן ביידע לשונות שלענגלט זיך אַ נאַטירלעכער בונד. עלעהיי זיי זײַנען אַ זיווג פֿון הימל. ביאַליקס צוגעבונדנקייט צו דער שפּראַך פֿון זײַנע קינדער־יאָרן קען מען געפֿינען אויך אין זײַנע העברעיִשע שאַפֿונגען. און אין די ייִדישע פֿלעכטן זיך אַרײַן אָן אויפֿהער העברעיִשע עלעמענטן.

ניחם ראָס

## פּרצעס ׳צווישן צוויי בערג׳ אין דעם קאַמף פֿאַר דער פּערזענלעכקייט פֿון אַ ייִדישן למדן

אין צענטער פֿון פּרצעס דערציילונג שטייט דער גאון, ראש־ישיבֿה און תּלמודיסט. זײַן פּערזאָן ווערקט נעגאַטיווע געפֿילן צום למדנישן עטאָס. דער סיפּור־המעשׂה פֿירט אַרײַן אַ פֿעיִקן ישיבֿה־בחור, ר׳ נחקה, אין דעם גאונס ישיבֿה פֿון בריסק. ער, אָבער, איז ניט צופֿרידן דאָרטן און מאַכט אַ וַיִבְרַח. ער אַנטלויפֿט קיין ביאַלע און ווערט מיט דער צײַט אַ חסידישער צדיק.

און אָט באַגעגענען זיך ביידע לומדים. פּרץ שטרײַכט אונטער דעם חילוק צווישן דער קאַלט־געפֿראָרענער למדנות און דער לעבעדיק גײַסטיקער איבערלעבונג פֿון

דעם חסידישן רבי. פּרץ פּאַראַלגעמיינערט דעם אידעאָלאָגישן אונטערשייד צווישן די צוויי טיפּן. איינער איז קאַלט, ווײַט פֿון דער לעבעדיקער נאַטור און פֿון די פּשוטע עמך־לײַט, דער צווייטער האַלט די גזעלשאַפֿטלעכע ווערטן טײַערער פֿון די רעליגיעזע אין נאָמען פֿון דער תּורה און איר נשמה. פּרצעס קוק איז ענלעך צום צוגאַנג פֿונעם באַרימטן רבֿ הרבֿ סאָלאָווייטשיק.

אַבֿנר האָלצמאַן

# אַ פֿאַרבאָרגענער הספּד ביאַליקס צום אָנדענק פֿון מ. י. בערדיטשעווסקי

אין די יאָרן 1921–1896 האָבן ביאַליק און מ. י. בערדיטשעווסקי זיך דורכגעשריבן מיט בריוו און געדאַנקען... די בריוו מאַכן אַ קאַפּעלע קלאָרער די באַציונגען צווישן די מחברים און זייערע שאַפֿונגען.

ניט שווער איז צו דערקענען די אײַז־קאַלטע פֿרעמדעניש, וואָס האָט געווייעט צווישן זיי און האָט געהייסן בײַ ביאַליקן 'דער בערדיטשעווער קאָמפּלעקס'.

פֿון דעסטוועגן האָט ביאַליק הויך געשעצט בערדיטשעווסקיס קונסט. לויט זײַן מיינונג איז בערדיטשעווסקיס באַנד דערציילונגען אויף העברעיִש 'מעירי הקטנה' (פֿון מײַן שטעטל) איז – ווי ער האַלט – "מעשה אמנות נפלא" (אָ ווונדערלעך קונסט ווערק). אָבער ביאַליק איז שטאַרק צוריקגעהאַלטן פֿון בערדיטשעווסקיס ווילד־אומבאַגרענצטער עראָטיק. אין זײַן הספּד, וואָס ווערט דאָ געדרוקט דעם ערשטן מאָל שטעלט ביאַליק פֿיר די ווערטן פֿון בערדיטשעווסקיס שאַפֿן, אַזוי צו זאָגן: א) בערדיטשעווסקיס שאַפֿן איז אַ שפּיגל־צענטער אין געדאַנקענגאַנג פֿון זײַן דור; ב) זײַן שאַפֿן איז אַוטענטיש און אויפֿדעקעריש; ג) די אַוטענטישקייט איז ניט נאָר אין אינהאַלט, נאָר אויך אין סטיל און נוסח פֿון זײַן אויסדרוק; ד) בערדיטשעווסקי איז גײַסטיק פֿרײַ, פֿרעגט קשיות און האַלט, אַז זיי זײַנען בילכער פֿון די תּשובֿות.

דוד הירש ראָסקעס

# ביאַליק אין די געטאָס

אין די געטאָס, וואָס די נאַציס האָבן אויפֿגעשטעלט כּדי אומצוברענגען די ייִדישע באַפֿעלקערונג, האָבן זיך נעפֿעדערט קינסטלער, פּאָעטן, שרײַבער און

וויסנשאַפֿטלער. ביאַליקס לידערוועלט איז ווידער אויפֿגעשטאַנען פֿון איר שלאָף. עס האָבן זיך צעקלונגען ווידער די לידער פֿון צער און צאָרן; עס האָבן זיך באַוויזן אין די געטאָס פֿריש־נײַע פּאָעטן און דאָס ייִדישע לשון האָט זוכה געווען צו דונערן און בליצן אויף הויכע און אפֿשר טאַקע העכערע טענער.

דער אַרטיקל דאָ שטעלט אויף סיסטעמאַטיש ניט נאָר די נײַע און פֿריש־לעבעדיקע קלאַנגען, נײַערט אַפֿילו אָפּקלאַנגען פֿון ביאַליקס צער־צאָרנדיקן זשאַנער, וואָס האָט זיך צעבליט פֿון דאָס נײַ.

דער עיקר ווערן דערמאָנט די גרויסע פּאָעטן אַבֿרהם סוצקעווער, שׂמחה בונעם שײַעוויטש און יצחק קאַצענעלסאָן. פֿון אַ בבֿל־טורעם פֿון לשונות און מענטשלעכע ווייען האָט זיך אַרויסגעפּיקט אַ נײַער באַשאַף, וואָס האָט ווידער צעקלונגען ביאַליקס צער און צאָרן אויף אַן אַנדער גאַנג, און דווקא אויף מאַמע־לשון.

דער אַרטיקל אָטעמט מיט אַ סך פּרטי־פּרטים און גײַסטרײַכע קינסטלער, וואָס האָבן זיך שטאַרק געמיט אויפֿצולעבן ביאַליקס פּסיידאָ־נבֿיאישן נוסח, וואָס האָט זיך ווידער באַוויזן פֿונעם ייִדישן אָך און וויי.

### מאַיאַ דובער דעפֿען

## יהושע פּערלעס שריפֿטן אין די מלחמה צײַטן

מען קען גאַנץ גרינג געפֿינען דעם חילוק צווישן פּערלעס שריפֿטן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפֿן אין דער מלחמה צײַט. פֿאַר דער מלחמה האָט זײַן סטיל געשפּרודלט מיט פֿרייד, מיט סענטימענטאַלקייט און ראָמאַנטיק. פֿון צווישן די שורות האָט מען געקענט פֿילן די לופֿט־שטראָמען פֿון די פּוילישע וועלדער, טײַכן און אָזערערס. חבֿרים און קרובֿים האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ פֿרוכטבאַרן שרײַבער. אַזוי האָט אויך געשריבן וועגן אים י. י. טרונק אין זײַן ביאָגראַפֿישן עסיי (לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, באַנד 7, ז״ז 193–196).

אין די צײַטן פֿון דער אויפֿגעפֿלאַקערטער מלחמה האָט זיך אַלץ געענדערט. פּערלע איז אַרויס צו זײַנע לייענער מיט אַ ים פֿון מאָטיוון און אַ געווירבל פֿון סטילן און טעמעס. זײַנע שריפֿטן זענען משמעות ניט קיין פֿולער ענטפֿער אויפֿן בלוטיקן חורבן. זײַן קול איז פֿאַרשלונגען געוואָרן אין די גוואַלדיק ביטערע איבערלעבונגען.

לאה איילון

## װעגן אַש״ס נאָװעלע ׳דער טויט־אורטייל׳

די אין פֿלוג אַרײַנגעפּלאָכטענע מעשׂה אין דער נאָװעלע **טויט־אורטייל** קלינגט לכתּחילה פּשוטלעך און אַ קאַפּעלע אויסגעדראָשן. אָבער שלום אַש פּילט אָן דאָס רעמל מיט אַ קינסטלעריש־דראַמאַטיש בילד פֿון אַ גרעאַנגל צווישן צוויי כּוחות, געצייכנט אויף צוויי פּלאַסטן. אין איינעם רעדט זיך װעגן באַפֿרײַען דעם מיסטער סלאָון פֿון אַ שולד אין אַ מאָרד. אינעם צווייטן שטייט שוין דער באַשולדיקטער און קעמפּט קעגן זײַן געוויסן, ד.ה. אַנטקעגן דעם בית־דין של מעלה. אין דעם אַ אינערלעכן בית־דין קעמפּט מיסטער סלאָון קעגן זיך אַליין און ווערט פֿאַרמשפּעט צום טויט. זעט אויס אַז דעם אינערלעכן קאַמף שטעלט דער קינסטלער פֿאָר לויט דער טעאָריע פֿון פֿרויד, דהיינו: דער ׳איך׳ (עגאָ) וואָס ראַנגלט זיך אָפּצוהיטן דעם פֿיזישן קיום אַנטקעגן דער טראַדיציע און דערציִונג אין טאַטע־מאַמעס היים.

פֿאַר זײַן טויט אויפֿן עלעקטרישן שטול שווימען אַרויף בײַ דעם פֿאַרמשפּטן זכרונות פֿון זײַן עבֿר און די מאָראַליש־רעליגיעזע דערציִונג, וואָס ער האָט באַקומען אין זײַנע קינדער־יאָרן. ער שפּירט זיך גליקלעך און שטופּט אָפּ יעדע מעגעלעקייט פֿון בעטן מחילה דורך אַן אַמנעסטיע. ער פֿילט, אַז דאָס אמתע גליק פֿון אַ מענטשן ליגט אין די פּשוט־נאַטירלעכע זאַכן, ווי ערד־אַרבעט, הנאה האָבן פֿון דער שיינער נאַטור און פֿון דער סודות־רײַכער וועלט. פֿאַרן טויט דוכט זיך אים, אַז ער איז ווידער אַ קליין קינד, וואָס לייגט זײַן קאָפּ אויף דער מאַמעס שויס, און זײַן מאַמע שטייט בײַ אים צו קאָפּנס, ווען מען זעצט אים אַוועק אויפֿן עלעקטרישן שטול.

זעליק קלמאַנאָוויטש

## ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס ייִדיש

די ייִדישע שפּראַך האָט געשעפּט פֿולע עמערס פֿון דעם דײַטשן מקור. דאָס איז געווען אויפֿן שוועל פֿון 19־טן און 20־סטן יאָרהונדערט. אַ באַרימטער שרײַבער פֿון דער השׂכּלה־צײַט, אײַזיק מאיר דיק (1893–1814) האָט געהאַלטן, אַז וואָס מער דײַטש איז שענער און בעסער. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט באַוויזן אין זײַנע אַרטיקלען און שריפֿטן, אַז ייִדיש איז אַ לשון פֿאַר זיך מיט אַן אייגענעם ריטעם, נוסח, קלאַנג און גראַמאַטיק.

אַזאַ מין צוגאַנג צו דער פֿאָלקס־שפּראַך איז געווען אָפֿן פֿאַר די יונגע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן ליב באַקומען זייער שפּראַך. זשיטלאָווסקי האָט

געעפֿנט פֿאַר זיי דעם וועג. ער האָט געזוכט און געפֿונען אַלט־יידישע ווערטער און טערמינען און האָט וווייכער געמאַכט דעם נוסח פֿון די אַלטע בריוונשטעלערס און די שפּראַך פֿון בית־המדרש. ייִדיש איז ביסלעכווײַז געוואָרן אַ מאָדערנע שפּראַך – אַ דאַנק דעם ענטוזיאַזם און שעפֿערישן מי פֿון חיים זשיטלאָווסקי און זײַנע מיטגייערס און תּלמידים.

אלישע פּורת

## חָנָן אַיָלְתִּי – אַ ייִדישער וואָגלער און אַ שרײַבער

### (1992–1910)

פֿון דער היים האָט ער געהייסן חאָנקע קליינבורט. ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל ווי אַ חלוץ מיט חלוצים גלײַך. זײַן חלוצישער ענטוזיאַזם האָט זיך גאַנץ נישקשה אויסגעווּעפּט און ער האָט זיך אַריבערגעפּעקלט צו די גאָר לינקע קאָמוניסטן. זײַן ענערגיש־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט האָט גרינג אָנגעצונדן די ענגלישע מאַנדאַט־פּאָליציי. אַזוי אַרום איז ער געצוווּנגן געוואָרן אַנטלויפֿן פֿון לאַנד. ווּהין לויפֿט אַ ייִדישער קאַמפּס־קאָמוניסט? טאַקע גלײַך אין שפּאַנישן בירגער־קריג, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. פֿון דאָרטן – קיין פֿראַנקרײַך. זײַן אומרויִקער גײַסט האָט אים געטריבן פֿון לאַנד צו לאַנד – ביז ער האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק.

דאָ איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ רויטן קעמפֿער אין אַ ייִדישן שרײַבער, אַ וואָגלער, וואָס די פֿען איז אים טײַערער פֿאַר דער וועלט־פּאָליטיק. דאָס קען מען לערנען פֿון עטלעכע קעפּלעך פֿון זײַנע ייִדישע ביכער: **דער האָטעל, וואָס עקזיסטירט ניט מער; מיר זענען דער נעכטן; פֿון ברוקלין קען מען ניט אַנטלויפֿן.**

בלהה רובינשטיין

## מעשׂיות און זייערע דערציילערס אין יצחק באַשעוויס־זינגערס שאַפֿן

יצחק באַשעוויס־זינגער האָט געשעפּט די שפֿע פֿון זײַנע מעשׂיות פֿון די אוצרות פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר און פֿון דעם רײַכן און פֿיל־פֿאַרביקן ייִדישן ביכער־אַלמער. אָבער אויך די ייִדישע היים האָט אָן אויפֿהער פֿירגעבראַכט מעשׂיות (למשל וועגן שדים, דיבוקים, גלגולים און לצים אאַ"וו).

צווישן די דערציילערס האָט דער שרײַבער אַרויסגעוויזן אַ סך אויפֿמערק צו פֿרויען־דערציילערקעס. למשל – די מומע יענטל, וואָס איז געווען ממש "אַ גײַסטיקער אוצר"...

די מעשׂיות־מאַנאָלאָגן שטעלן זיך פֿאָר אין צוויי סטרוקטורעלע פֿאָרמען: אַ מאָנאָלאָג אַרײַנגעבויט אין דער מעשׂה, און אַ מאָנאָלאָג, וואָס זײַן דערציילער איז גאָרניט דערמאָנט מיט זײַן נאָמען אאַ"וו.

אַ טייל פֿון די דערציילערקעס ווערן פֿירגעבראַכט אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, אָדער ווי זיי זעען אויס, מיט זייער אייגענעם סטיל, נוסח און אויסדרוק. עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די טיפּאָלאָגישע באַשרײַבונג מעקט ניט אויס דעם פּערזענלעכן קאָלאָריט.

אין די אינערלעכע רעמלעך קען מען געפֿינען אַ דידאַקטישע צונייגונג, וואָס שטיצט זיך אויף דער שפּראַך פֿון אַלט־ייִדיש (ייִדיש־טײַטש).

די שפּראַך פֿון די דערציילערקעס איז פֿאָלקסטימלעך און רײַך, פֿול און פֿיל מיט אידיאָמען, גלײַכווערטלעך, און אַלע מינים מעשׂיות: וועגן קינדער־יאָרן, העל־דישקייטן, נסים ונפֿלאות, אוצרות, גזלנים און ראָמאַנטישע חלומות און ליבעס.

די דערציילונגען זײַנען קאָלירפֿול און פֿאַרשיידנאַרטיק. אַ מאָל רעדט אַ דערציילער צו אַ גרופּע, אַמאָל שטעלן זיך פֿאָר עטלעכע דערציילערס (אָדער דערציילערקעס) – איינער נאָכן אַנדערן.

איבער אַלע מעשׂיות (דער עיקר וועגן די קינדער־יאָרן) שוועבן דינע פֿעדער פֿון איראָניע, הומאָר און חוזק.

דער אַרטיקל איז פֿול מיט אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס לאָזן זיך ניט קירצן.

לאה גאַרפֿינקעל

## אַ רעטעניש פֿון צוויי וועלטן

עס רעדט זיך דאָ וועגן יצחק באַשעוויסעס דערציילונג "יחיד און יחידה" (ער און זי), וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער זאַמלונג **מעשׂיות פֿון הינטערן אויוון**, תל־אביב 1982, ז"ז 195–207.

די מעשׂה הייבט זיך אָנעט אויף יענער וועלט. זי איז געווידמעט דעם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער לכּבֿוד זײַן יובֿל. אַ נשמה, ווײַזט אויס אַ זינדיקע, שוועבט אַרום און טובֿלט זיך אין רײַבע און זינדיקע ווערטער־וועלטן. אַ זינדיקער פֿײַער־פֿלאַם פֿון ליבע וועקט אויף די שטראָף, דהיינו: געבאָרן צו ווערן אויף דער וועלט. און ווען זי קומט אַהין ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַלץ איז להיפּך, און די וועלט איז "קאַפּידראַך": אמת איז שקר און שקר איז אמת, אַלץ פֿאַרקערט.

דאָס ייִדישע לשון שפּראָצט אויף און צעזייט אירע אוצרות.

## אַ שפּאָגל נײַ פּורים־געזאַנג וועגן פֿרויען

אין דער אָקספֿאָרדער ׳באָדלייאַנאַ׳־ביבליאָטעק האָט זיך גאַנץ צופֿעליק פֿאַרוואַלגערט און אָפּגעפֿינען אַ זעלטענער כּתבֿ־יד, אַן אוניקום, וואָס דערציילט אַ מאָדנע מעשׂה וועגן דרײַ פֿרויען. דאָס איז אַ ליד, וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אויף ייִדיש אַרום דעם יאָר 1650.

די ייִדישע קהילה איז מן הסתּם ניט געווען צופֿרידן פֿון פֿרויען וואָס ווערן שטאַם־געסט אין אַ שענק מיט אַ כּוונה זיך פּראָסט און פּשוט אָנצושיכּורן. דאָס פּאַסט ניט פֿאַר ייִדישע טעכטער.

אַזאַ מין זמרל זעט ניט אויס צו זײַן אַן ערנצטע דערשײַנונג. אדרבא, דאָס זעט אויס ממש ווי אַ פּורים־ליד פֿון 17־טן יאָרהונדערט. דאָס וואָרט ׳פּורים׳ ווערט ניט דערמאָנט, אָבער די אַטמאָספֿער זײַנע ווײַזט גרײַלעך דווקא אין דער ספּעציפֿישער ריכטונג.

רות דורות

## מאַרק שאַגאַלס ׳שוחט און סוחר׳ און יצחק באַשעוויס־זינגערס ׳דער זקן׳

### [אַ שטיקל פֿאַרגלײַך]

די מחברטע פֿון דעם עסיי האָט בדעה דאָס מאָל צו אַנטקעגנשטעלן צוויי גאַנץ פֿאַרשיידענע קונסטווערק, פֿון צוויי גאָר באַזונדערע קינסטלער, וועלכע טרעפֿן זיך דאָ אונטער איין קעפּל, אַזוי צו זאָגן: ׳די קולטור פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן שטעטל׳. זי האַלט אַזאַ פֿאַרגלײַך פֿאַר גאַנץ רעאַליסטיש, ניט קוקנדיק אויף די צוויי גאָר באַזונדערע זשאַנערן. פֿון דעסטוועגן האָבןביידע קינסטווערק פֿאָרט געהאַט געמיינזאַמע ווערטן, סימבאָלישע און אַרכיטיפּישע. באַשעוויס־זינגערס זקן איז טאַקע אַן אַלטער ייִד מיט אַ סך פּיטשעווקעס, אָבער אַ טיפֿערער קוק קען געוויס אויסגעפֿינען, אַז ער קען רעפּרעזענטירן דעם ייִד, דעם וואָגלער, ווי אויך דאָס ייִדישע פֿאָלק גאָר אין גאַנצן. שאַגאַלס סוחר פֿון בהמות פֿאָרט משמעות צום יריד מיט אַ ציגנבאָק (שעכטן? פֿאַרקויפֿן?). ווען מען כאַפּט אויף די פֿילזײַטיקייט פֿון ביידע מינים שאַפֿונגען ווערט קלאָרער די פֿילדײַטיקע פֿאַרשטענדעניש פֿון ביידע קינסטלערישע זשאַנערן.

## געדאַנקען וועגן מנחם־מענדלס מהות און מעשׂים

דאָס שטעטל קאַסרילעווקע באַווײַזט זיך אין שלום־עליכמס **מנחם מענדל**, ווי אַ גאַנץ זיכערער הינטערגרונט, אַ פֿעסטער 'נעכטן' צו דעם בריוון־אויסטויש צווישן מנחם־מענדלען און זײַן ווײַב שיינע־שיינדל, וואָס איז פֿאַקטיש אַ קאַמף אַ מאָדנער וועגן אַ 'מאָרגן' וואָס דאַרף פֿאַרזיסן דעם ביטערן 'הײַנט'.

שלום־עליכם אַליין האָט געהאַלטן אַז זײַן ליטעראַרישער העלד איז בעצם ניט קיין אויסגעטראַכטער, נאָר ממש אַ חי־וקיים, אַ באַקאַנטער.

דאַרף מען דאָ צוגעבן אָט וואָס:

עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ לעגענדע פֿון אַן אוצר, וואָס רייצט דעם העלד צו ווערן אַ גבֿיר – און ווערט אַנטרונען. אויסער דעם ווערט מנחם־מענדל פֿאָרגעשטעלט אין אַ פֿאַראָדיש־גראָטעסקן נוסח ווי אַ העלד, וואָס האַלט אין איין זוכן רײַך צו ווערן... און ער ווערט ניט געהאָלפֿן.

שיינע־שיינדל פֿאַרלאָזט קיין מאָל ניט איר שטעטל, און מנחם־מענדל קומט קיין מאָל ניט צוריק פֿון זײַנע צעחלומטע וואַנדערונגען.

דבֿ סדן – פֿראַגמענטן פֿון אַן עסיי

## שמואל ניגער דער קריטיקער און זײַן טעמפּל

געשריבן האָט ניגער אַ ים, אָבער וועגן זיך אַליין – קיין וואָרט ניט. דאָס איז זיכער צוליב זײַן ענוות. וועגן ייִדישע שרײַבער קענען זײַנע ווערק דינען ווי אַ מקור פֿון וויסן און פֿאַרשטענדעניש.

שמואל ניגער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ שטעטל – דוקאָר – און האָט טאַקע געשמט אין מינסק מיט זײַן צונאָמען 'דער עילוי פֿון דוקאָר'. יונגערהייט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צו די פּועלי־ציון, און שפּעטער – צו די טעריטאָריאַליסטן (ס"ס). נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציע אין 1905־טן יאָר האָט ניגער פֿאַרלאָזן די פּאָליטישע טעטיקייט און האָט זיך פֿאַרבונדן מיט ייִדישער ליטעראַטור. אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ קריטישן אַרטיקל וועגן שלום אַש"ס אַ דראַמע 'משיחס צײַטן'. פֿון דאַן אָן האָט ער געשאַפֿן און רעדאַקטירט אין אַ סך צײַטונגען און זשורנאַלן, געשריבן הונדערטער בריוו און עטלעכע גאָר אינטערעסאַנטע מאָנאָגראַפֿיעס.

דבֿ סדן, דער פּראָפֿעסאָר און גרויסער קענער פֿון העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך, האָט ניגערן געקרוינט ווי דעם גרעסטן קריטיקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

חיה בר־יצחק

## בלוטבילבולים אויף פֿרויען אין לעגענדעס
## פֿון פּוילישע ייִדן

דער אַרטיקל שטעלט דאָ פֿאָר אַ געוויסן נוסח פֿון בלוטבילבולים, וואָס שטאַמען פֿון אַ היסטאָרישן מקור. אין צענטער פֿעדערט זיך אַ פֿרוי, וואָס הייסט **אַדיל קיקיניש** פֿון דראָהאָביטש.

דער אַרטיקל ווײַזט אָן דעם באַזונדערן טעם און קלאַנג פֿון די לעגענעס וועגן דעם גורל פֿון אַדיל קיקיניש, וואָס ווערן דערציילט אויף ייִדיש און העברעיִש, און זײַנען אַ טייל פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסליטעראַטור.

דער ייִחוד פֿון דער לעגענדע אויף ייִדיש שלענגלט זיך דער עיקר לויטן נוסח פֿון אַ מינדלעכער פֿאָלקסמעשׂה, וואָס פֿירט אויס אַ דראַמאַטיזאַציע.

עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ מעשׂה מיט אַ טויט־אורטייל קעגן אַ פֿרוי פֿון אַ העברען קלאַס אין אַ שווערער צײַט פֿון חורבן, וואָס שטרײַכט אונטער די ביטערע שרעק פֿונעם בלוטבילבול.

אין דעם אַרטיקל ווערט באַהאַנדלט די לעגענגע וועגן אַדיל קיקיניש אין אַן אַלגעמיינעם קאָנטעקסט פֿון אַ שווערער צײַט און אַ בייזן דור.

באָריס קאָטלערמאַן

## וואַריאַנטן פֿון דער מעשׂה וועגן דיבוק אויף ייִדיש

דער עיקר רעדט זיך דאָ וועגן אַ שטיקל פֿאַרגקלײַך צווישן דעם נוסח אין **מעשׂה־בוך** און אין די טעקסטן פֿון **נשמת חיים** און **דברי יוסף**. די ווונדערלעכע מעשׂה וועגן דיבוק אויף ייִדיש באַווײַזט זיך אין עטלעכע וואַריאַנטן. אין **מעשׂה־בוך** באַווײַזט זיך דער דיבוק ווי אַ בייזער גײַסט. אין די וואַריאַנטן פֿון **נשמת חיים** און **דברי יוסף** הייסט ער פּשוט ׳רוח׳.

אין די ייִדישע וואַריאַנטן רעדט זיך וועגן אַ בחור, וואָס אַ דיבוק האָט זיך אַרײַנגעבאַפּט אין זײַן וועזן. אין ספֿר **שבחי האר״י** ווערט דערציילט ווי אַזוי מען האָט אַרויסגעטריבן דעם בייזן רוח, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַ גוף פֿון אַן אלמנה. דער רוח שטאַמט פֿון אַ ייִדן וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין ים – אַ שטראָף פֿאַר זײַן נכשל ווערן מיט ניאוף. אין ר׳ חיים וויטאַלס ספֿר **תולדות יצחק** שווימט אַרויס אַן ענלעכע געשיכטע. אין די העברעיִשע וואַריאַנטן ווײַזט זיך אַרויס דער דיבוק ווי אַ שטראָף פֿאַר אַ שווערער זינד. אין מעשׂה־בוך רעדט זיך וועגן אַ סעקסועלע אָפּנייגונג (משכב זכר) וואָס ווערט באַשטראָפֿט. דער **מעשׂה־**

**בוך** מײַדט אויס צו פֿאַרצייכענען אָרט און צײַט. די מעשׂה אינעם וואַריאַנט פֿון **מעשׂה־בוך** איז אפֿשר אַ שטיקל אָפּשפּיגלונג, וואָס איז ניט צעדרייט און אויפֿגעבלאָזן געוואָרן דורך אַ צענזאָר אָדער סתּם אַ מחבר און זעט אויס משמעות ווי אַ דאָקומענטאַציע.

מרדכי זאַלקין און נורית אוֹרחאַן

## אַ מעשׂה מיט אַ זעלנער אָדער ׳מגילת אַסטראַכאַן׳
### דערציילט פֿון יצחק בן שמואל יהודה קאַסטאָווער

די ייִדישע סאָלדאַטן, וועלכע פֿלעגן מאָביליזירט ווערן אין דער רוסישער אַרמיי, האָט מען נוהג געווען צו פֿאַרשלעפּן אין ווײַטע מקומות. אַ סך פֿון זיי האָבן זיך גאָרניט אומגעקערט אַהיים. אַזוי אַרום זײַנען אויפֿגעקומען קליינע ייִדישע קהילות מחוץ פֿון דעם ׳תּחום המושבֿ׳.

דער העלד פֿון מגילת אַסטראַכאַן, ווי אויך דאָס רובֿ מאָביליזירטע זעלנער, זײַנען געווען קינדער פֿון אָרעמע משפּחות, ווייניק געלערנטע. די ׳מגילה׳ דערציילט וועגן אַ שווערן מאַרשרוט פֿון מיליטער: ווינטער, שניי, פֿראָסט. דער דערציילער האָט ניט אויסגעהאַלטן און געחלשט. ער דערציילט וועגן אַ נס, וואָס האָט אים געטראָפֿן און ער איז ניצול געוואָרן, מיט דער הילף פֿון זײַנע חבֿרים.

נגה רובין

## דער מאָטיוו ׳וואַסער אָן אַן עק׳
### (פֿון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי ביז יעקבֿ שבֿיט)

אַריינקוקנדיק אין קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס פּאָעמע ׳דער טײַך׳, וואָס שטעלט פֿאָר אַ וואַסער־טרעגער, וואָס שלעפּט, נעבעך, אויף זײַנע אַקסלען, צוויי פֿולע עמערס וואַסער, בײַ טאָג און בײַ נאַכט, דערמאָנט זיך אַ מאָטיוו, וואָס שטאַמט פֿון יודל ראָזנבערגן. אונדזער פּאָעטעסע האָט ווײַזט אויס בדעה פֿירברענגען איר וואַסער־טרעגער ווי, להבֿדיל, אַ **גולם**, וואָס איז גרייט צו ראַטעווען אַ גאַנצע קהילה ייִדן פֿון אַ ביטערן בלוטבילבול.

נתן אַלטערמאַנס קלינגענדיק־זינגענדיקע איבערזעצונגען האָבן זיך ווײַט פֿאַרשפּרייט אין דער העברעיִשער קינדער־ליטעראַטור.

דער נוסח פֿון יעקבֿ שבֿיטן (׳נֹגַה דמעות׳) איז אויך טאַקע באַוווּסט און באַליבט געוואָרן – עד היום.

## לאה איילון

# שלום אַש – ׳איינער פֿון דריַי מיליאָנען׳

## (וועגן שלום אַש׳ס אַ פֿאַריתומטן כּתבֿ־יד)

אין אַן אַלטער בריוון־טעקע פֿון צעריבענעם קאַרטאָן געפֿינט זיך אין ׳בית שלום אַש׳ אַ כּתבֿ־יד פֿונעם שרײַבער געווידמעט זײַן טאַטן, וועלכער האָט געדינט פֿאַר אים ווי אַ פּערזענלעכער סימבאָל פֿון איידלקייט, ברייטהאַרציקייט און פֿײַנפֿיליקייט, וואָס זײַנען געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די דרײַ מיליאָן אומגעקומענע ייִדן אין היטלערס פּוילן. אַש באַמערקט דרך־אַגבֿ אין דעם כּתבֿ־יד, אַז זײַן טאַטנס געשטאַלט איז תּמיד געשטאַנען פֿאַר זײַנע אויגן ווי אַ לייכט־טורעם בשעת ער פֿלעגט שרײַבן. ער האָט געשילדערט דעם טאַטנס באַציִונג צו אָרעמעלייט און זײַן ברייטהאַרציקע נדבֿה (מתן בסתר) אַלע נויטבאַדערפֿיקע, ייִדן און ניט־ייִדן. דער עיקר שטעלט ער זיך אָפּ אויפֿן קבלת־שבת אין זײַנע עלטערנס היים מיט זייערע אורחים. די עלטערן זײַנען אַוועקגעשוווּמען קיין אַמעריקע כּדי אויסצוהעלפֿן די קינדער מיט פּרנסה. זיי זײַנען גאַנץ גיך צוריק געקומען קיין קוטנע. ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן האָט מען אויף זײַן האַלדז געפֿונען אַ זעקעלע מיט דעם טאַטנס אַ צושריפֿט אויפֿצושטעלן אַ מצבֿה פֿאַר אים אויפֿן קוטנער בית־עולם... דער בית־עולם איז שוין ניטאָ, אָבער ״בײַ גאָט אין הימל ווערט ער תּמיד געהיט״.

## עדינה בר־אל

# מאַיאַ זרובבֿלס (? 1927–1998)

אין פֿריִער יוגנט איז מאַיאַ געווען אַ תּלמידה אין דער וואַרשעווער באָראָכאָוו־שול, וואָס איז געווען אונטערשטיצט פֿון די לינקע פּועלי־ציון, איר טאַטע, יעקבֿ זרובבֿל, איז געווען איינער פֿון די פֿירער פֿון דער פּאַרטיי. ווען מאַיאַ האָט זיך צו צען יאָר איבערגעפּעקלט מיט דער משפּחה קיין ארץ־ישׂראל, האָט זי זיך באַזעצט אין תּל־אביב און געלערנט אין ייִדישע שולן. ביסלעכווײַז האָט זי אָנגעהויבן שרײַבן דערציילונגען, פֿריִער אויף ייִדיש און שפּעטער אויף העבֿרעיִש. דער קינדער־זשורנאַל **קינדערפֿרײַנד** פֿלעגט געבן דרוקן מאַיאַס ווערק. נאָך איר

חתונה מיט שמעון ערעמען האָט מאַיאַ איר גאַנצן לעבן געשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאַר קינדער.

## עדינה בר־אל

# פֿרויען שרײַבן קינדער־ווערק אויף ייִדיש
## (אַ רשימה)

צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן די קינדער־ליטעראַטור אויף ייִדיש. איבער דער גאַנצער וועלט האָבן זיך געפֿעדערט ייִדישע שולן. עס האָבן געשריבן פֿאַר קינדער דער עיקר פֿרויען, צווישן זיי וועלט־באַרימטע קינסטלער: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אַנאַ מאַרגאָלין, גיטל מײַזיל און פֿיל אַנדערע. עדינה בר־אל ברענגט דאָ אַ פֿולע רשימה מיט פּרטי־פּרטים.

## דבֿ לוין

# דער קאַמף אַרום ייִדישע קולטור אינסטיטוציעס אין דער סאָוועטישער ליטע פֿון דער פּאָסט־סטאַליניסטישער תּקופֿה (1958–1956)
## צום אָנדענק פֿון בערל צעסאַרעק

די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אין ליטע האָבן זיך געהאַלטן אויף שוואַכע פֿיסלעך זינט דעם סוף פֿון דער צווייטער וועלט מלחמה.
נאָך סטאַלינס טויט האָט מען ווײַטער פּאַוואָליע ליקווידירט די ייִדישע קולטור טעטיקייט. אין כרושטשאָווס צײַט איז אַ טראָפּעלע גרינגער געוואָרן. טיכטיקע יחידים האָבן געקעמפֿט פֿאַרן ייִדישן קולטור־קיום. צווישן זיי איז בולט געווען בערל צעסאַרעק (נפֿטר געוואָרן דעם 10־טן נאָוועמבער 1990 אין ירושלים). יאָרן לאַנג איז ער געווען טעטיק אין שאַפֿן ייִדישע וועלטלעכע ווערטן (אַ כאָר אין ווילנע, אַ דראַמאַטישער קרייז, אַ טאַנץ־גרופּע, העברעיִשע לערן־קורסן אאַ״וו). ער אַליין איז געבליבן עלנט און אָרעם. דער פּראָפֿעסאָר דבֿ לעווין האָט אין אַ שמועס מיט אים זיך דערוווּסט וועגן די שווערע קאַמפֿן אויפֿצוהאַלטן די ייִדישע קולטור. דער אינטערוויו איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן מיט בערל צעסאַרעקס הסכּמה.